STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05112

GULE LIDER

Harry A. Wexler

Permanent preservation of this book was made possible
by Betty S. Melaver
in memory of
Frank & Jennie Lewitt Stein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאַציאָנאַלע ייִדישע ביכער צענטראַלע
National Yiddish Book Exchange
840

גאולה לידער



פארלאג גודמאן ברידער

ש י ק א ג א

Nothing, in whole or in part may be reproduced from works herein without written permission from

Harry A. Wexler

Chicago 24, Ill.

All rights reserved

Copyright 1951

by HARRY A. WEXLER

3357 W. Roosevelt Road

Chicago 24, Ill.

Goodman Bros. Publishing and Distributing Co.

3457 W. Roosevelt Road

Chicago 24, Ill.

Printed in the United States of America

by Moss and Associates

New York, N. Y.

אינהאַלט:

ליד מיט מוזיק — — — — — — — — — — 6
די גאולה — — — — — — — — — — — — 7
וואָרט פון גאָט — — — — — — — — — — 9
סוכות — — — — — — — — — — — — — 10
שמחת תורה — — — — — — — — — — — 11
די וואנט — — — — — — — — — — — — 12
יושר און שלום — — — — — — — — — — 13
צו מיין פאָלק — — — — — — — — — — 14
צו מיין מוזע — — — — — — — — — — 14
חנוכה — — — — — — — — — — — — — 15
ווען וועט קומען דער אידישער מאַי? — — — — 16
נס פורים — — — — — — — — — — — 17
שבועות — — — — — — — — — — — — 19
הערשל און לייבל — — — — — — — — — 19
אויף א פאפירענ'עם בריק — — — — — — — 21
(נאָטן צום זינגען, זייט 6)
הגנה און אירגון — — — — — — — — — 22
חיים רעזניק — — — — — — — — — — 23
„שטרומא" קרבנות — — — — — — — — — 24
דער קליינער שפייזער — — — — — — — — 25
א זומער נאכט — — — — — — — — — — 26
א טענה — — — — — — — — — — — — 27
מיין הייראט צו מיין גע'גט'ער פרוי — — — — 28
פופציק יאָר — — — — — — — — — — — 30
בר מצוה — — — — — — — — — — — — 31
מיין אייניקל — — — — — — — — — — 31
מיין מוטערס לעצטער וואָרט — — — — — — 32

פאָרוואָרט צו די "גאולה־לידער".

דער אויטאָר פון דער דאָזיקער לידער־זאַמלונג, הערשל וועקסלער, איז געבוירן געוואָרן אין אַ מאָהילעווער אָרעמער אידישער פאַמיליע, און האָט נאָך, אַלס איינגל, געמוזט גיין אַרבעטן צו אַ סטאָליער בלויז פאַר עסן און שלאָפן. האָט ה. וו. נאָך גאַנץ יונגערהייט געפילט דעם טעם פון אַרבעט און נויט. זיין עמפּפינדלעך האַרץ איז געוואָרן אָנגע־זאַפּט מיט צאָרן און רעבעלישן גייסט קעגן אומרעכט און עקספּלואַטאַ־ציע פון פרעמדער פּראַצע, און זיין אומרוהיקע נשמה האָט געזוכט אַן אויסדרוק פאַר אירע פאַרביטערטע געפילן. האָבן אַרויסגעקוואָלט פון זיין צופּייניקטן האַרץ די ערשטע דראַמאַטישע לידער פון אַרבעטער'ס ליידן, פון זיין צער און פּראָטעסט קעגן דער געוויסנלאָזער געזעלשאַפט. זיינע רירנדיקע טרויער געזאַנגען: „צו מיין פאָלק", „ווען וועט שוין קומען דער אידישער מאַי", „דער שפּייזער" און אנד., וועלכע געהערן צו זיינע בעסטע שאַפונגען, האָבן אויסגעגאָסן זיינע טיפע פיינלעכע עמאָציעס אין פיינע פאָלקסטימלעכע און ריטמישע פערזן — פון שאַרפן און בלוטיקן דיכטער וואָרט.

אָבער הערשל איז געווען דורכגעדרונגען אין אַלע זיינע חושים מיט אידישע נאַציאָנאַלע געפילן און היסטאָרישע טראַדיציעס, מיט גלויבן און בטחון אין „נצח־ישראל". האָט ער זיך נישט געלאָזט הינרייסן פון דער הערשענדער בונדיסטישער אידעאָלאָגיע, אַז די לייזונג פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער פּראַגע צוזאַמען מיט אַ קולטור־אויטאָ־נאָמיע אין די גלות־לענדער, וועלן פאַרענטפערן די אידישע אייביקע פּראָבלעמען פון באַדנלאָזיקייט און מינאָריטעט־סטאַטוס אין דער פרעמד, כל־זמן אידן וועלן ניט צוריקקריגן זייער היסטאָרישע היימ־לאַנד, — די וויג און קוואַל פון זייער אייביקער קולטור, — און ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך!

די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע פון דיכטער, איז געווען דער מקור און טרייבקראַפט פון זיינע נאָכפאָלגנדיקע „בראָוואָור־געזאַנגען", אָדער „גאולה־לידער", וועלכע האָבן איבער דריי צענדליק יאָר גע־שטראָמט פון זיין האַרץ און פאַנטאַזיע ביז נאָך דער אַנטשטעהונג פון מדינת ישראל, ווי ניט־געצאַמטע, פרייע, האָפערדיקע „חסידישע זמירות". די „גאולה לידער", וועלכע האָבן אפשר נישט די עמאָציאָ־נעלע גראַציע און דעם קינסטלערישן טאָן און קאָליר פון זיינע פאָלק־סטימלעכע צאַרטע אַרבעטער־לידער, זיינען צייטמעסיקע שאַפונגען, וועלכע אָטעמען מיטן דיכטערס אויפריכטיקע געפילן; און די באַגייס־טערטע פערזן פינקלען דאָ און דאָרט מיטן גלאַנץ פון פּאַטריאָטישע הימנעס און מיטן ליבטיקן שאַרפן טראָפּ פון די פּראָפעטישע „נחמו־וויזיעס". די „גאולה־לידער" זיינען דער ערשטער אַרויספאָר פון זייער שאַפער ה. וועקסלער אין דער עפנטלעכקייט, און קענען רעקאָמענדירט ווערן אַלס איינדרוקספולע און אייגנאַרטיקע צייטגעזאַנגען פון ישראל ושאנר.

דר. א. מאַרגאָלין.

AF A PAPIRENEM BRIK

BY H.WEXLER
3357 ROOSEVELT RD.
CHICAGO ILL



COPYRIGHT 1949

די גאולה

די גאולה איז געקומען!
עס האָט זיך דערנעענטערט די שעה!
הילכיק טוט דער שופר שאַלן,
משיח, משיח איז שוין דאָ!

פון אַלע זייטן אידן קומען
און זיי שטראָמען נאָכאַנאַנד —
קיינער קען זיי ניט אָפּצוימען
פון צוריקגיין צו זייער לאַנד.

בלינדע קענען אים ניט זען,
טויבע קענען גאָר ניט הערן,
דעם גאולה־רוף, דעם הייסן ברען
זיך אַהיים צוריקצוקערן!

אין האַנט אַ פייערדיקער שווערד,
אין זיין בליק, אַ בליץ אַ בייזער!
קומט ער אויף אַ ווייסן פערד
אונדזער משיח און דערלייזער!

גאָט אַליין האָט אים געשיקט,
עס האָט דערגרייכט פון פיין דער קול,
פון די קדושים, פאַרברענט, דערשטיקט
מיליאָנען פילע מיטאַמאָל!

איר האָט באַצאָלט אַ גרויסע שטראָף,
פיל גרעסער נאָך ווי אייער זינד!
געקומען איז שוין איצט דער סוף,
געהייליקטע זייט איר אַצינד!

עס קען אייך מער קיין שרעק ניט שרעקן!
עס קען ניט שרעקן אייך דער טויט.
אַרויס, צום וועג פון אַלע עקן,
אין דער לענג און אין דער ברייט!

קיינער קען זיך קעגן שטעלן,
אונדזערע העלדן אין דעם וועג.
נעמען מוזן זיי באַפעלן
ווייל עס איז איצט משיח-טעג!

הילכיק טוט דער שופר שאַלן:
פאָראויס מאַרשירט מיט דרייסט און מוט!
זינד און שונאים מוזן פאַלן
פאַר די מכבייער בלוט!

עס וועט קומען אַ צייט,
האָט ישעיהו געזאָגט אַמאָל,
אידן וועלן זיין באַפרייט
אין זייער לאַנד ישראל.

באַפרייט וועט זיין די גאַנצע וועלט
פון שנאה און פון סם דעם אַלטן...
פון דעם געיעג נאָך גאָלד און געלט,
מ׳וועט מער קיין מלחמות האַלטן!

הילכיק טוט דער שופר שאַלן,
שטאַרקער, העכער ווערט זיין קול,
זינד און שונאים מוזן פאַלן,
באַפרייט מוז זיין די לאַנד ישראל!

דאס ווארט פון גאט

הער זיך צו דו וועלט, פארטויבט פון בריאזג פון געלט!
דאָס וואָרט פון גאָט, רופט צו דיר:
וואַש אָפּ די הענט און דיין בלוט-פארשמירטע טיר!

דער שלום, דער וועלטס טייערער חלום,
קען ניט קומען דיך באַזוכן!
עס מוז ווערן ריין! נעם דיין געלט און גאָלדן קרוין
און וואַרף אַוועק צו אַל-די פלוכן!

די גאַנצע גאָלד און געלט פון דער גאָרער וועלט,
קען ניט שפייזן קיין איין האָז!
עס קען דיר גאָרניט געבן אין דיין לעבן,
עס איז ניט נוצבארער ווי גלאָז!

שענער ווי גאָלד, גלאַנצן זונען שטראַלן,
און פון זילבער; וואַסערפאַלן...
מיט גאָלד, סעדער, פעלדער גלאַנצן
פון קאָרן זאַנגען, און מאַראַנצן...

בעסער ווי פערל און בריליאַנטן,
איז דיין אוצר פון טאַלאַנטן...
דער טראָפּן שוויים אויף דיין שטערן,
און פון ערלעך אַרבעט זיך ערנערן!

גאָלד פליסט פון פייגלשע געזאַנגען,
און פון דעם האַמער'ס אָקער'ס קלאַנגען;
עס קען שפּע אַלץ דיר געבן!
און אָנפילן מיט פרייד דיין לעבן!

וועלט, הער אויף צום גאָלד צו דינען!

סוכות

געווידמעט די „די־פּי" קעמפּס נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה

סוכות, ביידלעך, מענער, מיידלעך,
פּונקט אַזוי אַט ווי אַמאָל.
זיצן אידן, ווי אויף ירידן,
אויף דעם וועג ארץ־ישראל.

ניטאָ קיין הייזער און קיין שפּייזער;
ניטאָ קיין שטעטלעך און קיין שטעט,
ניט קיין קרעמל, ניט קיין זעמל,
ניט קיין טיש און ניט קיין בעט!

פאַרלאָרן רינדער, ווייב און קינדער,
אַלץ אַוועק אין מיטן רויך!
אין קעמפּס זיי זיצן, אין קעלט און היצן
און זיי קריגן ברויט מיט יויך.

און זיי האָפן, אפילו ווען זיי שלאָפן,
אַף אַ פירער, אַף אַ העלד
וואָס ווייזן וואונדער זאָל אַצינדער,
זיי פירן צו אַ נייער וועלט!

ניטאָ דער שטעקן מיט צוויי עקן,
וואָס ער זאָל דעם ים צעשפּאַלטן;
ניטאָ קיין פירער און מושטירער
וואָס זאָל פאַר זיי מלחמה האַלטן.

ניטאָ קיין משה, מיט וואונדער גרויסע,
וואָס זאָל פירן זיי אין וועג,
און זאָל געבן מכות, ראַקעס,
בעווינס ענגלאַנד הייַנטיקע טעג.

מוטיק אידן, גייט צעפרידן,
אין דעם וועג מיט אַ ברען אַ פרומן!
אונדזער משיח און משגיח קומט,
ער וועט באַלד שוין קומען!

שמחת תורה

געווידמעט דעם דראַנג קיין ארץ־ישראל נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

שמחת תורה, אַוועק די מורא,
אַוועק די שרעקעדיקע טעג;
אָפּגעריבן און פאַרשריבן,
פאַרחתמעט איז דער לעבנס־וועג.

הוליעט אידן, טאַנצט צופרידן,
פריילעך מוזט איר אַלע זיין!
הייבט די פיסלעך, קנאַקט די ניסלעך,
טרינקט די כוסות מיט די וויין!

ניט טראַכט פון מאָרגן, מיט די זאָרגן,
פון פרנסה און פון געלט,
פון די דורות די עבירות
און פון שמיץ אויף יענער וועלט.

שמחת תורה, אַוועק די מורא,
אַוועק די שרעקעדיקע טעג;
שטאַרק, צוזאַמען, פלעכט די צאַמען,
שטאַרקער, פעסטער, מאַכט דעם וועג!

פון ישמעאל — ארץ־ישראל
מוזט איר קריגן איצט צוריק!
פאַראַדירן און מאַרשירן
מוזט איר איצט צו אייער גליק!

שטעלט דעם פּנים קעגן שונאים:
פדעה'ס, בעווינ'ס, היטלער'ס דרייסט!
אַ מיר קאָנען זיי דערמאָנען
זייער שטאַרקע זינד ענטבלויזט.
שמחת תורה אַוועק די מורא,
אַוועק די שרעקעדיקע טעג.
מיר מאַרשירן, פאַראַדירן,
דורך די נעכט און דורך די טעג.

און מיר שווערן צו צעשטערן
אַלץ וואָס שטיין וועט אונדז אין וועג:
שטאַרקע שלעסער, צוואַנג און מעסער
ארץ ישראל איז אונדזער וועג ! !

די וואַנט

די גאַסן פון ווארשע, וואָס ציען זיך ווייט,
אַהער און אַהין, אין דער לענג און אין דער ברייט,
ווייט פון דעם צענטער, צו אידן באַקאַנט,
האָט זיך געצייגן פון דער געטאָ די וואַנט.

די טויערן זיינען תמיד געווען פאַרמאַכט
און באַוואַכט פון וועכטער דורך טאָג און נאַכט;
דאָרטן האָט היטלער אידן פאַרזעצט,
פונקט ווי זיי וואָלטן געווען פאַרקרעצט!

די ענגשאַפט געוואָרן איז דאָרט זייער גרויס,
און פון דאָרטן האָט קיינער ניט געטאָרט אַרויס!
מען האָט שטענדיק געבראַכט נאָך אידן אַהין,
פון שטעט און שטעטלעך, פון דאַכאַו און לובלין.

מען האָט יעדן געגעבן אַ נומער, אַ שיין,
צו לעבן אַ לעבן פון צרות און פיין!
מען האָט זיי געיאָגט, געמאַכט אַרבעטן שווער,
צו נייען מונדירן און מאַכן געווער!

אין צוויי אָפּטיילונגען, דורך נעכט און טעג,
צוועלף שעה אַן אָפּטייל איז געווען דער וועג!
מען האָט זיי באַצאָלט מיט גרויסע געהאַלטן:
אַ ריישאָן-קאַרד קוים דעם גוף צו דערהאַלטן!

אַזוי האָט מען געטריבן די אַרבעט דורכאויס,
ביז ס'זיינען בא יעדן איינעם די כוחות אַרויס!
טאָמער איז ווער געפאַלן, ניט געקענט אויסהאַלטן מער,
האָט גאָר דער פאָסטן ניט געגעבן קיין קלער,

מען האָט אים געגומען, גלייך אַן אַ זייט...
מען ברענגט נאָך ביל אידן פון נאָענט און ווייט,
וואָס קענען פאַרנעמען פון שוואַכע דעם פּלאַץ,
וואָס האָבן נאָך כחות און לעבנס ערזאַץ.

עס עפנט אַ טויער זיך גאַנץ אָפן און ברייט,
מען פירט אַריין אידן צו שקלאַפן געגרייט!
עס עפנט אַ טויער זיך גאַנץ אָפן און גרויס,
מען פירט אַרויס אידן, די שוואַכע — אַרויס!!

ווי קען מען דעם צער, דעם ווייטעק פאַרנעמען,
מען פירט זיי צום טויט! אין אויוונס פאַרברענען!
אַזוי איז עס געגאַנגען טאָג איין, טאָג אויס,
די געזונטע אַריין, די שוואַכע אַרויס!!

***

אויסגעליידיקט די געטאָ, ניטאָ מער די ווענט;
עס שוועבן נשמות פון קערפּערס פאַרברענט.
פון מיליאָנען אידן, זיי זיינען פאַרטאָן
און מאָנען נקמה! דער משפט קומט אָן!

יושר און שלום

יושר און שלום, וועלט׳ס טייערער חלום,
ווען נידערט איר שוין אויף דער ערד?
ווען דער לייב און דער בער, ווען ניט פאַרצוקן מער
מען זאָל ניט דאַרפן מער קיין שווערד.

די שפע איז גרויס, פון דער וועלט איך ווייס:
עס איז דאָ פאַר יעדן איינעם גענוג—
קליידער צום טראָגן און שפייז פאַרן מאָגן,
צו וואָס דער כאַפ-לאַפ און באַטרוג?

מ׳לעבט און מ׳שטאַרבט, מ׳ווערט דאָך פאַרדאַרבט
עס העלפט ניט קיין רייכטום, קיין געלט.
יושר און שלום, וועלט׳ס טייערער חלום,
ווען קומט איר שוין דאָ אויף דער וועלט?

צו מיין מוזע

איך האָב מיט מיין מוזע אַ שידוך געטאָן,
און נדן אַ סך כ׳האָב גענומען:
אַלע שטערן אין הימל און אויף דער ערד,
אַלע פלאַנצן, גראָזן און בלומען.

זינט איך האָב מיט דיר, מוזע, אַ שידוך געטאָן,
און פאַרשוואָרן דיך הייליק צו ליבן,
האָב איך פריינט פאַרלאָרן, כ׳בין עלנט פאַרלאָזט,
נאָר דו איינע ביזט טריי מיר געבליבן.

אָ, טייערע מוזע, ליבלעכע, שיינע:
ניט פאַרלאָז מיך ווען נאַכט קומט אין שוואַרץ.
פאַר דיר נאָר אַליין, פאַרטרויען קען איך
דעם בלוטיקן סוד פון מיין האַרץ.

צו מיין פאָלק

ווי עס קען ניט רוען דער ים,
אַזוי קען ניט רוען מיין האַרץ.
מיין פאָלק, דאָס ברענט מיך ווי סם
דיין טיפער יאָמער און שמאַרץ.

ווען עס זאַמלען זיך שמערצן פיל אָן,
אַז פאַרטראָגן איך קען שוין ניט מער,
גיסט פון מיין האַרץ זיך אַ טאָן נאָך אַ טאָן
און פון מיין אויג — אַ טרער נאָך אַ טרער.

אַנטשווינגן עס ווערן די טענער,
פאַרענדיקט עס איז שוין אַ ליד.
כאָטש מיין טיפער ווי ווערט ניט קלענער,
דאָך מונטערער ווערט מיין געמיט...

דער קול פון גאָט

נאָטן צום זינגען, זייט בי־14

דעם קול פון גאָט באַנעמט און הערט.
ער איז שאַרפער פון אייער שווערד!

אַראָבער, אַראָבער, פון נאָענט און ווייט,
דער קול פון גאָט ער רופט און שרייט,
דער קול פון גאָט ער רופט און שרייט,
דער קול פון גאָט ער רופט און שרייט:

ניט אויף דעם דראַנג פון קריג און בלוט!
באַקלערט אייך בעסער וואָס איר טוט,
באַקלערט אייך בעסער וואָס איר טוט,
באַקלערט אייך בעסער וואָס איר טוט:

ארץ־ישראל איז ניט אייער מדינה,
ארץ־ישראל איז ניט פאַלעסטינע,
ארץ־ישראל איז די לאַנד פון די אידן,
זיך צו באַהעפטן און לעבן אין פריידן.

נעמט אויף זיי ווי ברידער, ווי אייגענע פריינט,
זיי זיינען קיין שונאים, זיי זיינען קיין פיינט,
זיי זיינען קיין שונאים, זיי זיינען קיין פיינט,
זיי זיינען קיין שונאים, זיי זיינען קיין פיינט.

זיי קומען אהיים דעם לעבן באַנייען,
זיך און אויך אייך פון דעם אָרמוט באַפרייען!
זיך און אויך אייך פון דעם אָרמוט באַפרייען!
זיך און אויך אייך פון דעם אָרמוט באַפרייען.

דער קול פון גאָט ער רופט און שרייט:
עס איז איצט משיח'ס צייט,
עס איז איצט משיח'ס צייט,
די גאַנצע וועלט מוז זיין באַפרייט! . . .

THE VOICE OF GOD BY HARRY WEXLER



חנוכה

יום-טוב פון באַנייאונג, טעג פון באַפרייאונג,
ווייט, ווייט פון אַמאָל;
עס דערמאָנט אונדז אָן צייטן פון העלדישע שטרייטן,
אַמאָל, אין ארץ-ישראל.

אַנטיוכוס עפיפאַנוס, מיט מחנות בויאַנעס,
מיט אַן אכזריות'דיק האַנט,
האָבן דעם פאָלק ישראל אין ארץ-ישראל,
געמאַכט צו שפּאָט און צו שאַנד.

דעם אָפּגאָט זעאוס, ווי שווידערלעך מיאוס,
אין בית המקדש געבראַכט,
און אויף דעם מזבח, מיט גוואַלד און מיט כוח,
חזירים פאַר קרבנות געשלאַכט.

עס ברויזט אויף דער ישוב, אַזוי ווי מיט כשוף,
פון ווייטיק, צאָרן און האַס.
אַ רוף צו רעוואָלטירן, אַ קאַמף צו פאַרפירן
פאַרכאַפּט יעדע הויז, יעדע גאַס.

באַוויזן האָט זיך אַ פירער, אַ העלד, אַ מאַרטירער,
מיט פיל גייסט און מיט ברען,
אַ העלד ווי בר-כוכבה, יהודה המכבי
איז זיין נאָמען געווען.

מיט אַ מחנה אַ קליינע, דעם מעכטיקן שונא
זיך קעגנגעשטעלט.
גלויבן, בטחון, אין אַ נצחון
האָט אין זייערע נשמות געהעלט.

די הגנה-לייט, פון היינטיקער צייט,
מיט אייער גייסט און פייער,
האָבן באַפרייט אונדזער לאַנד מיט אַ מעכטיקער האַנט,
אַזוי ווי אַמאָל איר מכבייער.

העלדישע מכבייער, אייער מוט אייער פייער,
צינדט גלויבן, נחמה.
אין ביטערע שטרייטן, אין פינצטערע צייטן,
דערהויבט איר אונדזער נשמה.

מיר וועלן טראגן מיט טרייהייט, דעם פאקל פון פרייהייט,
ביז די גאולה וועט קומען,
ביז מיט פרייהייט די וועלט וועט ווערן באזעלט
און מיט ליבשאפט דורכגענומען.

די ליכטעלעך ברענען און זיי דערמאנען
דעם גייסט פון די מכבייער.
זיי ברענען און פינקלען אין פינצטערע ווינקלען,
און צייגן דעם וועג צו באפרייער...

ווען וועט קומען דער אידישער מאי?

גערוידמעט דער אידישער דעלעגאציע צו דער ווערסיילער
פרידנס קאנפערענץ.

אך, ווען וועט שוין קומען דער אידישער מאי?
ווען וועט שוין זיין אונדזער פאלק אויך פריי?
ווען וועלן מיר ווערן מיט פעלקער צוגלייך,
ווען וועט זיך ענדיקן אונדזער בלוטיקער טייך!?

עס האבן פעלקער צום לעבן דערוואכט,
עס טונקלט זיך אוים די פינצטערע נאכט,
ס'קריגט יעדע פאלק זיין פרייהייט, זיין רעכט;
ער וויל מער קיין הארן, ניט זיין מער קיין קנעכט.

עס שטייט נאר דער איד פאר'יתומ'ט אזוי,
און קיינער וויל הערן זיין ליידענדן וויי.
עס גלאנצן די פעלדער, עס בליט אזוי פריי,
אך, ווען וועט שוין קומען דער אידישער מאי!

נס פורים

די רייצנדע אסתר, מיטן אידישן חן,
איז געווען גראציעז און וואונדערלעך שיין;
פון אלע שיינהייטן איז זי אויסגעקליבן געווארן,
און פון אחשוורוש די מלכה געווארן.

אחשוורוש האט געקעניגט מעכטיק און גרויס,
איבער פילע מדינות, פון הודו ביז כוש.
זיין גרעסטער בעל יועץ איז המן געווען,
ער האט פיינט געהאט אידן מיט א גיפטיקן ברען.

המן האט אויף די אידן פיל שלעכטס גערעדט—
צום קעניג אחשוורוש, פון פרי ביז גאר שפעט:
עס איז א מיאוס פאלק צווישן פעלקער פארשפרייט,
פאראט אין רעוואלט צו דיין הערשאפט ער זייהט.

מען מוז זיי פארניכטן פון גרויס ביז קליין,
עס טאר ניט בלייבן פון זיי קיין געביין!
אזוי האט המן גערעדט, גערעדט נאכאנאנד:
אום צו האלטן דיין מלוכה, דיין קרוין און דיין לאנד,

מוז מען פארניכטן דעם פארעטערישן פאלק,
דאן וועט אלעס זיין וואויל און עס וועט גיין מיט א טאלק!
קעניג אחשוורוש האט געטראכט און געטראכט,
אום צו ראטן זיין מלוכה, זיין קרוין און זיין מאכט,

האט ער גע'חתמ'עט דעם פסק, דעם גזר,
צו פארניכטן אלע אידן און ארוים פון געפאר.
עס איז געווארן באשטימט פאר דער שחיטה דער טאג,
און בא אידן איז געווארן א בהלה, א קלאג!

איז מרדכי געגאנגען צום קעניג אין הויף,
זען אז אסתר זאל מאכן צו דער גזירה א סוף.
אסתר המלכה האט צום קעניג גערעדט
און טרערן ווי פערל האבן איר פנים געגלעט.

אדוני אחשוורוש, גרויסער קעניג און האַר,
איך בעט דיך, איך בעט דיך, מאַך בטל דעם גזר.
מיין פאָלק איז אומשולדיק, ער איז דיר געטריי,
הער צו מיין געבעט פון טויט אים באַפריי!

אחשוורוש האָט דערזען ווי זיין אסתר'קע וויינט,
איז ווייך געוואָרן זיין האַרץ וואָס איז געווען פאַרשטיינט.
ער האָט גערופן המנ'ען און געזאָגט אים דערביי:
איך מאַך בטל דעם גזר, אידן פון טויט באַפריי!

זיי זיינען אומשולדיק, גיב זיי פרייהייט און רעכט,
קיינער זאָל ניט וואַגן צו טאָן זיי קיין שלעכט.
הער זיך איין מיין בעל יועץ, זאָלסט אַן עצה מיר געבן
מיט וואָס צו באַלוינען אַ מענטשן, וואָס האָט געראַטעוועט
מיין לעבן.

המן הרשע וואָס איז נאָענט צום קרוין,
האָט זיכער געדענקט אַז מען מיינט אים דאָ אליין.
זיין טייוועלשן פּלאַן האָט ער דאָך פאַרשפּילט,
נקמה צו מרדכי האָט זיין האַרץ אָנגעפילט.

המן האָט אַביסל שעלמיש געטראַכט
און צו דעם קעניג אַן עצה געבראַכט:
פּוץ אוים אַ פערד מיט סאַמעט און גאָלד,
אויף אים זעץ אַרויף דעם מענטש וואָס דו האָסט האָלט.

דורך געפּוצטע גאַסן זאָל מען אים דורכמאַרשירן,
מיט אַ געבייגענעם קאָפּ זאָל מרדכי אים פירן!
זאָל ער זיך בוקן, נייגן און זאָגן:
כ'בוק זיך צום מענטשן, וואָס דיין ערע טוט טראָגן!

**
*

המן, דיין עצה איז מיר געפעלן,
מען דאַרף נאָר בייטן איינציקע שטעלן:
מרדכי, דער איד, וועט זיצן פון אויבן,
דו וועסט אים פירן, רימען און לויבן.

מרדכי דער איד האָט געראַטעוועט מיין לעבן,
ער קען בעסערע עצות פון דיר מיר געבן.
מרדכי וועט בין היינט אָן מיין בעל יועץ זיין,
דו ווערסט באַשטראָפט אויף דער תליה צו גיין!

פון אידישן טרויער איז אַ שמחה געוואָרן.
אידן פייערן פורים שוין טויזנטער יאָרן.
נייע המנ׳ס זיי קומען און גייען פאַרביי,
עם ישראל לעבט אייביק, עם ישראל חי!

א דאנק דעם וואָס איך האָב פאַרפעלט אַכט שורות אין מיין ליד „נס פורים“, האָב איך געמוזט צוגעבן 4 זייטן: זייט 14־א, 14־ב, 18־א און 18־ב. אָבוואָל דאָס האָט מיר פאַראורזאַכט גאַנץ באַדייטנדע אויסגאַבן, בין איך צופרידן, ווייל עס האָט פאַרשענערט מיין אויסגאַבע.

הערשל וועקסלער.

געווידמעט אַ מתנה פון דעם נייעם אידישן קולטור צענטער פון שיקאַגע, צו אונדזער ליבן חבר, פירער און לערער—ים יעקב מאַרגאָלין.

זאָל אונדזער קליינינקע מתנה,
אַזוי ווי ליכט פון דער לבנה,
אַזוי ווי בלומען פון דעם שרון,
באַרייכערן אייער זכרון . . .

ווי אַ שטערן אין אַ נאַכט אַ שוואַרצן,
זאָל עס טליען טיף אין אייער האַרצן . . .

אויף א פאפירענעם בריק

איבערזעצט פון ב. גרינבערג

מוזיק צום זינגען זייט 6

על גשר של נייר

בא וראה את הפלא
אשר היה בימינו אלה!

על גשר של נייר
לארץ האור
מחנות יהודים יסיעו,
דרך הר ודרך גבע
על פי נהרות שבע
לארץ חמדה ימריאו.

גשר רפה וצר
איך תדמה בו לעבור
ולא ירתק ולא ינתק?
— הגשר של כסף הוא
יסוד עולם הוא
נפלא הוא וחזק.

אם תרצה שהגשר
יוליכך אל האושר
לחיים חדשים וטובים,
יהודים, הביאו כסף . . . !
במטמונים על כתף,
יהודים רחוקים וקרובים . . . !

אל זה הגשר
כל איש ישר
ישלח מבט עיניו,
יהודים בהמון ילכו . . . !
על כן כל איש
בכל לב . . . יתנדב . . !
בהונו ובממונו . . .
יחד עשיר ורש
יקרבו להגאל,
ושלום על ישראל . . . !

שבועות

שבועות טעג, עס לויכט דער וועג
פון הייליקן באַרג סיני;
די צען געבאָט, געשיקט פון גאָט,
באַשאַפן פאַר אַ וועלט באַניי.

דער געבאָט געשיקט פון גאָט:
ליב דיין פריינט ווי זיך אַליין,
צו אַ וועלט וואָס דורשט נאָך געלט,
וואָס איז זינדיק און געמיין.

שבועות טעג, עס גלאַנצט דער וועג,
און עס גלאַנצט דער פעלד און וואַלד,
און דער מאַראַנץ, אין זיין גלאַנץ,
צייטיק פון זיין בוים ער פאַלט.

פול די זאַנגען, פייגל קלאַנגען,
זיי באַזינגען אַזוי שיין—
דעם געבאָט געשיקט פון גאָט:
ליב דיין פריינט ווי זיך אַליין.

הערשל און לייבל

עס איז שוין פון דאַן אַן פילע יאָרן פאַרביי,
עס איז געשען אין יאָר ניינצן-הונדערט-און-דריי.

הערשל דער סטאָליער, גאָר יונג אין יאָרן,
איז פון ציוניזם פאַרכאַפּט געוואָרן.
זיין ברודער לייבל, אַ יאַט מיט לעבן,
האָט זיך צום „בונד" גאָר איבערגעגעבן.

זיי זיינען געגאַנגען אַף אַנדערע וועגן,
וואָס הערשל איז פאַר, איז לייבל דאַגעגן.

הערשל איז געבליבן אַליין און פאַרלאָרן,
אַלע זיינע ברידער זיינען בונדיסטן געוואָרן.

באַזונדער צו געהיימע „סכאַדקעס" געגאַנגען,
וואו רעדעס האָבן זייערע נשמות געפאַנגען.

לייבל דער שוסטער, כאַטש נישט לאַנג אין זיין פאַך,
איז געווען באַגאַבט מיט מוט אַ סך.
„זאַבאַסטאָווקעס" געפירט מיטן באָס, מיטן האַר,
און מוטיק געקעמפט קעגן רוסישן צאַר

פאַר קולטור? אַווטאָנאָמיע, אידישע רעכט,
געווידמעט זיין לעבן דורך טעג און דורך נעכט.
לייבל האָט געטראָגן אַ פאַרדרוס און אַ האַס,
פאַרוואָס הערשל טראָגט אויף דער אידישער גאַס—

בורזשואַזנע געדאַנקען, רעדט נאָכאַנאַנד
אַז אידן מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד.
דער „בונד" האָט באַהערשט די אידישע גאַס,
געפירט מלחמה, געפריידיקט מיט האַס

קעגן ציוניזם און זיין אידעאַל,
וואָס האָט זיך פאַרשפרייט אַף דער וועלט איבעראַל.
עס איז בורזשואַזנע, מיאוס, אַ שאַנד!
צו זיין נאַציאָנאַליסטיש, גאַר בויען אַ לאַנד.

קעמפט אויף די ערטער, האַלט זיך צום גרונט,
וואו עס לעבט און קעמפט דער אַרבעטער „בונד"!

דער „בונד" האָט געקעמפט מיט אַן אייזערנער האַנט,
אידן זיינען פאַרבליבן אויפן אָרט, אויפן לאַנד—
אין ברידער קברים, מיליאָנען אין צאָל!
די פאַרבליבענע לויפן נאָך ארץ ישראל.

ארץ-ישראל וואַקסט און מערט זיך אין צאָל;
עס בליט אויף דער באַרג, ס'לעבט אויף דער טאָל,
עס לעבט דאָרט דער איד זיין אייגענעם לעבן;
אין פעלד און אין וואַלד זיין אָפּקלאַנג טוט שוועבן.

עס לעבט אויף דער דאָרף; תל־אביב איז אַ כּרך,
מען רעדט, מען זינגט אויף דער ביבלישער שפּראַך.
דער איד קען דאָרט גאַנץ היימיש זיך מאַכן,
און וועבן זיין לעבן אויף אידישע שליאַכן...

די ריטמישע „האָרע”, העברעאישע לידער,
פאַר׳כשופ׳ן ממש, דערקוויקן די גלידער!
וואָס האָט מיטן בונדיסט, מיט לייבלען, געטראָפן?
עס איז שוין פון דאַן אַזוי פיל יאָרן פאַרלאָפן.

לייבל איז פון לאַנג מער ניט קיין בונדיסט.
ער האָט באַקעמפט דעם ציוניזם אומזיסט.
לייבל און הערשל צוזאַמען זיי שטייען;
צוזאַמען זיי קעמפן אין פריידן און ווייען.

צוזאַמען געגעבן די קינדער אין קריג,
צוזאַמען געוואונען אַ גלענצענדן זיג.
דעם שארית הפליטה זיי רעטן צוזאַמען,
פון ברידער און שוועסטער וואָס אַוועק זיינען אין פלאַמען!

צוזאַמען זיי בויען דעם אידישן לעבן,
אַקערן פעלדער, חלומות זיי וועבן.
צוזאַמען זיי טרוימען פון די נביאים דעם חלום,
פון אַ וועלט אַ באַפרייטער, פון יושר און שלום . . .

אף א פּאַפּירענעם בריק

מוזיק צו זינגען זייט 6

באַטראַכט נאָר דעם וואונדער
וואָס געשען איז אַצינדער:

אַף אַ פּאַפּירענעם בריק,
צו דעם לאַנד פון גליק,
אידן אין מחנות מאַרשירן.
אַלע וועגן, אַלע שטעגן,
צו ארץ־ישראל זיי פירן.

אַ שוואַכער פּאַרנעם,
ווי מאַרשירט מען אויף דעם?
עס טוט זיך ניט איבערייסן!

דער פּאַפּיר איז פון געלט,
אַף דעם שטייט די וועלט,
עס קען פיל וואונדער באַווייזן.

ווילט איר דער בריק
זאָל פירן צום גליק
און צו אַ שענערן לעבן?
אידן ברענגט געלט
פון דער גאַנצער וועלט,
אַ לאַנד, אַ היים אויסצואוועבן.

אַף דעם פּאַפּירענעם בריק,
איז געווענדט אַנדזער בליק.
אידן מאַרשירן, מאַרשירן.
דער בריק איז געשטעלט -
אויף דאָלאַרס, אויף געלט,
ער טוט צו ארץ־ישראל פירן!

הגנה און אירגון

געווידמעט דער פאַרטיידיקונג מלחמה קעגן די אַראַבער

הגנה און אירגון, אַזוי ווי די זון,
באַלויכט איר דעם וועג דעם מאַרשרוט,
פון יאָמער און פיין, ווי אַ לויכטנדער שיין,
ווי אַ האָפנונג שטראַל, וואָס ברענגט מוט.

ביידע צוזאַמען, גייט איר אין פלאַמען—
די שארית הפליטה באַפרייען!
ווי מכבייער, מיט מוט און מיט פייער,
ארץ־ישראל באַנייען!

איר וועט געווינען דעם קריג מיט אַ גלענצענדן זיג,
צו נשמות און הערצער וואָס פלאַמען,
קען אַפילו דער ים ניט מאַכן קיין צאַם,
מיט אַלע אַראַבער צוזאַמען!

הגנה און אירגון, אַזוי ווי די זון,
מיט פלאַם און מיט פייער קען ברענען,
אייערע רייען, וועלן די אידן באַפרייען
און גאַנץ ארץ־ישראל אַפנעמען!

חיים רעזניק — אַ קעמפער

געווידמעט מיין חבר

בוימער, בוימער, בוימער, בוימער.
וואַקסן זאָל אַ שיינער וואַלד.
בוימער, בוימער, בוימער, בוימער.
פלאַנצט עס, פלאַנצט עס, פלאַנצט עס באַלד!

אויף דעם נאָמען פון אַ קעמפער,
און דער נאָמען פון דעם העלד
זאָל זיך שפרייטן ווי אַ כשוף,
אויף שטעט און שטעטלעך, דאָרף און פעלד.

און די קילע בוימער־שאָטנס,
און דער נאָמען רעזניק חיים,
שמ'ן זאָל אין לאַנד ישראל
און אין גאַנץ ירושלים.

בוימער, בוימער, בוימער, בוימער.
פלאַנצט אַ חיים רעזניק וואַלד.
בוימער, בוימער, בוימער, בוימער.
פלאַנצט עס, פלאַנצט עס, פלאַנצט עס באַלד!

די ״שטרומא״ קרבנות

די „שטרומא״ געלאָדן מיט אידישע וואָגלערס;
ניין הונדערט אַכט און נײַנציק אין צאָל,
געיאָגט און געטריבן פון היטלערשער שנאה,
טראָגן זיך צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

אַלעס פאַרלאָרן, היימען פאַרברענטע,
נאָענטסטע ערמאָרדעטע, פרויען געשענדטע,
געלאַנדעט אַ שיף וואָס איז שוואַך און פאַרלאָזן,
וויסנדיק אַז מינעס קען זיי צעבלאָזן.

קוקנדיק דעם טויט טיף אין די אויגן אַריין.
די הערצער געלאָדן מיט שמאַרץ און מיט פּיין,
האָבנדיק דעם איינציק געדאַנק נאָכאַנאַנד
צו גרייכן די ברעגעס פון דעם אידישן לאַנד.

עס טראָגט זיך די „שטרומאַ״ דורך אַלע געפֿאַרן:
סאָבמאַרינס מינעס, מלחמה, באַרבאַרן;
שטורמישע כוואַליעס פון מיטלענדישן ים,
וואַרפן אַרום זי; זי רירט זיך קאַם, קאַם.

גאָט האָט געהאָלפן מיט מוט און בטחון,
די שיף איז צו ארץ־ישראל דערקראָכן.

דער ווייס־זאַמדיקער ברעג, דערפרישט זיי דאָס האַרץ,
די לויכטענדע זון, פאַרהיילט זיי דעם שמאַרץ.
פאַר פרייד זיי פאַרגעסן צרות אינגאַנצן,
און לאָזן זיך שטורמיש אַ „האָרא״ צו טאַנצן!

עס וויגט זיך די „שטרומאַ״, עס קרעכצט דער דעק,
עס איז שוין געקומען צו צרות אַן עק.
עס גלייכט אויס זיך דער רוקן, עס שטאַרקט זיך דער גוף,
און זיי זינגען אַז־ישיר נאָך דעם היטלערשן סוף!

נאָר פלוצלונג איז אַ ענגלישער רעוויזאָר דערשינען,
און האָט יעדן איינעם צו פראַגן גענומען:
האָסטו אַ וויזע לאַנדונגס פּאַפּירן?
עס איז דער געזעץ, איך מוז עס דורכפירן.

לאַנדונגס פּאַפּירן? ווייסט איר וואָס ס'האָט געטראָפן?
מיר זיינען דאָך קאָם מיטן לעבן אַנטלאָפן!
דעם איינציק פּאַפּיר וואָס מיר צייגן קענען:
איז דעם נומער, די שילד, אין אויוונס צו ברענען!

—איך וועל אייך מער קיין איין פראַגע ניט שטעלן.
איך קען ניט העלפן, איך פיר דורך נאָר באַפעלן.
עס איז דער געזעץ, איר מוזט פאָרן צוריק!
גאָט זאָל אייך שיקן ערגעץ אַנדערש אַ גליק.

עס האָט ניט געהאָלפן קיין וויינען, קיין אַכן:
אַ, עס איז אונזער לאַנד! וואָס מען האָט אונז פאַרשפּראָכן!
די „שטרומאַ" האָט געשיפט זיך הין און צוריק,
ביז ס'איז געקומען פון הימל אַ גליק: —

אַ מינע האָט די שיף אויף שטיקער צעריסן.
ענגלאַנדס געזעצן! וואו איז רעכט און געוויסן!?

די כוואַליעס האָבן די קערפּערס פאַרשלונגען.
דער געבעט, דער געוויין, הערט זיך נאָך אָפּקלינגען:
ארץ־ישראל, ארץ־ישראל, אונדזער לאַנד . . .
די כוואַליעס זשומען, ברומען נאָך ענגלאַנדס שאַנד!

דער קליינער שפּייזער

עס קלינגט שוין דער זייגער; ס'איז געקומען די שעה.
פרי, עס פאַנגט אָן ערשט באַגינען,
דאָך שטייט שוין די אָרימע מוטער און וועקט
איר קינד ער זאָל גיין וואָס פאַרדינען.

נו שוין, מיין קינד, גיכער שטיי אויף!
די אָרימע בעט אים מיט טרערן:
—אין שטוב איז ניטאָ קיין שטיקעלע ברויט,
אָך, קינד מיינס, וואָס וועט פון אונדז ווערן?

דאָס קינד הויבט זיין קעפל קוים אויף,
קוקנדיק בייז אויף דער מאַמען,
און טוט זיך אויף שנעל מלבושים'לעך אָן
און די צייטונגען נעמט ער צוזאַמען.

אָט איז ער שוין אויף דער טונקעלער גאַס,
אין דרייען פון קעלט איינגעבויגן,
אָך ביטער עס דריקט אים און מאַרעט דער שלאָף,
עס ציט אים צוריק זיך גיין לייגן.

גרויס איז די נויט פון דער געזינדל, ער ווייס.
ער ווייס אויך אַז ער איז דער שפייזער,
זיין קול: „עקסטראַ, פייפער", ווי אַ וויינענד געבעט
צעגיסט זיך איבער שלאָפנדע הייזער.

פאַרביי גייען מענטשן, מען קויפט, מען לעזט,
מען לעזט נייס, מען האָט פאַרגעניגן,
קיינער פאַרשטיין וויל דעם קליינעמס געבעט,
אין דער ליפּט ווערט זיין עכאָ אַנטשוויגן . . .

אַ זומער נאַכט

דער הימל איז בלוי, דער הימל איז ריין
און אויסגעשטערנט, פּרעכטיק שיין,
די ערד איז באַוואַקסן, גרין, אַ פּראַכט!
עס איז צויבערפול די זומער נאַכט.

די מאַטעביימער שאָטנס,
דער צאַרטער פרישער ווינט,
ווינקט און רופט: — אַהער קום מענטש דאָ,
קום אַהער דו מענטשן-קינד!

ביזט דאָך פון טאָג צעדריקט, צעמאַטערט,
קום, ביזט דאָך פון אים איצט פריי,
איך וועל דיך היילן דיינע וואונדן,
איך וועל דיך צערטלען גאַנץ געטריי.

נאָר אומזיסט די ביימער דופטן,
אומזיסט דער ווינטל ווייעט,
מענטשן פאַלן נידער רוען,
ווידער צום אַרבעטס טאָג געגרייט.

אַ טענה

איך האָב צו דעם לעבן
אַ טענה געשטעלט:—
צו וואָס טייגסטו מיר לעבן?
צו וואָס טייגסטו מיר וועלט?

אַף גזלה, שווינדל,
ביזטו דאָך געשטעלט.
ווי קען איך דאָ בויען
פאַר מיר אַ געצעלט?

ווען איך קען ניט שווינדלען,
האָב איך קיין זיין.
עס בלייבט מיר נאָר איין וועג:
אין קבר אַריין!

גערווידמעט מיין צוריק־הייראַט

איך וויל אַלעס פאַרגעסן וואָס מיט מיר איז געווען,
אַפילו וואָס מיט מיר איז ערשט נעכטן געשען.
מיין קינדהייט קוקט צו מיר מיט אומעט אַרוים—
דער ביטערער דלות, וואָס איז געווען גרויס.

מיין אָרימע מאַמע פאַרווײנט און פאַרזאָרגט,
וואָס מ'האָט איר שוין מער אין קיין קראָם ניט געבאָרגט.
אַחוץ מיר זיינען נאָך פיר קינדערלעך געווען;
אָ, לאָזט מיך פאַרגעסן וואָס עס איז געשען!

איך וויל אויך פאַרגעסן, מיינע אינגעלשע יאָרן,
צו אַכט יאָר בין איך אַ יתום געוואָרן.
אין חדר געגאַנגען און געגעסן טעג...
צו ליידן איז ניט געקומען קיין ברעג!

ס'האָבן אויסגעפעלט טעג וואו צו גיין עסן,
אָ, לאָזט מיך מיינע אינגעלשע יאָרן פאַרגעסן.
אַט בין איך אַ בחור, געוואָרן בר־מצוה,
אַדיע עסן טעג און לעבן פון קצבה.

איך בין בא אַ סטאָליער אַ לערנער געוואָרן,
וואָס גיט מיר שוין עסן און קלעפּ טוט ניט שפּאָרן.
דאָך האָב איך אַוואו צו שלאָפן און עסן,
אָ, לאָזט מיך אויך די יאָרן פאַרגעסן!

אַזוי איז עס געגאַנגען אין ליידן און נויט,
ביז אַ נס האָט מיין האַרץ דערפרייט:
אַ שיף־קאַרטע פון אַמעריקע האָב איך דערהאַלטן,
איך בין גרייט צו פאַרלאָזן מיין מקום דעם אַלטן.

מיין שטאָט מאַליוו איז געווען איר נאָמען,
וואו עס האָבן געהערשט צאַרסקע פּאָגראָמען.
איך בין אין אַמעריקע, איך לאָז זיך אין וועג,
אָ, לאָזט מיך פאַרגעסן מיינע מאַליוועער טעג!

כ'בין אין אַמעריקע שוין צייט פילע יאָרן,
געפּאַקט און געמאַזלט, פאַרשוואַרצט געוואָרן.
דורכגעמאַכט „דעפּרעשאַנס", פאַרשידענע צייטן,
דאָך וועל איך די לאַנד פאַר קיין זאַך ניט אויסבייטן.

איך האָב באַגעגנט אַ מיידל פון ליטע,
דוכט זיך אַ גוט-האַרץ, אַ נשמה אַ גוטע.
מיר האָבן געהייראַט, צוויי קינדער געהאַט,
דאָך איז דער לעבן ניט געגאַנגען זיך גלאַט...

עס איז געווען די שולד פון אונדז ביידן,
עס האָט דערפירט מיר זאָלן זיך שיידן.
געשיידט אין געריכט, אָבער די געפילן
האָבן געדורשט די הערצער צו שטילן...

עס איז אַוועק פון דאַן אָן פילע יאָרן,
מיר זיינען ביידע פאַרשוואַרצט גוט געוואָרן.
ס'האָט די צייט אונדזערע הערצער געפּרעסן,
אַ, לאָזט מיך אויך די יאָרן פאַרגעסן!

איצט, דוכט מיר, ווערט בעסער אויף די עלטערע יאָרן
זיינען מיר ווידער חתן-כלה געוואָרן.
איך וועל דיר שעצן און זיין דיר געטריי,
און דו וועסט מיין לעבן צוריק מאַכן ניי.

די האַרץ קלאַפּט נאָך יונג, עס האָט נאָך פיל לעבן,
מיר וועלן דעם חוב צוריק זיך אָפּגעבן.
אַ ליבליכער לעבן, אַ פרידלעכע שטוב,
צעשיידן זאָל קענען דער טויט, די גרוב.

פופציק יאָר

פופציק יאָר בין איך געוואָרן,
פופציק יאָר פאַרבייגעפאָרן.
אך די יוגנט ווערט פאַרשוואונדן,
עס קומען אָן די גרויע יאָרן.

אָ דו עלטער, גרויעס לעבן,
קריג טו איך דיר גלייך דערקלערן,
און קעמפן ביז מיין לעצטן אָטעם,
דו זאָלסט מיין לעבן ניט צעשטערן

גענוג האָב איך דיר שוין געגעבן,
צופיל האָסטו פון מיר גענומען,
באַ דעם אָנפאַנג פון מיין קינדהייט,
ביזטו שוין צו מיר געקומען!

ווי אַ בייזער שטרענגער וועכטער
פאַר אַ ווייל ניט אָפּגעטראָטן,
אַלע יאָרן פון מיין לעבן,
נאָכגעפאָלגט מיך ווי אַ שטן!

טיף געזונקען אין דיין אָרם
באַ דעם שיידוועג פון מיין לעבן,
שפּרינג איך אויף, שריי און שטורם:—
איך וועל זיך דיר ניט אונטערגעבן!

פאַר מיין יוגנט וועל איך קעמפן,
יונג זיך האַלטן, הוליען, טאַנצן,
טאָמער ווערסטו מיך באַזיגן,
האָסטו מיך שוין גאָר אינגאַנצן . . . .

בר מצוה

געווידמעט מיין אייביס בר מצוה

דרייצן יאָר בין איך געוואָרן,
דרייצן יאָר בין איך שוין אַלט,
אַך, מײַן קינדהייט ווערט פאַרשוואונדן
און אַ מאַן ווער איך שוין באַלד.

שטאַרק מוזן ווערן מיינע ביינער,
קלוג און שאַרפער מיין פאַרשטאַנד,
ווייל פירן וועט מיך מער שוין קיינער,
ווי אַ קינד מער בײַ דער האַנט.

די חברים מיינע בעסטע
וועלן אימער טאַטע־מאַמע זיין,
ווייל זיי טוען מיך אַלץ לערנען,
וואָס איז גוט און וואָס איז פיין.

אָ, איך וועל אייך גוט באַצאָלן,
די ווערט נאָך טייערער פון געלט,
כ'וועל צו אַ הויכער שטופע גרייכן,
און זיין נוצלעך פאַר דער וועלט.

געווידמעט מיין אייניקל העליין קאהן

נאָך אַן אייניקל געבוירן,
אין די שטורמדיקע יאָרן,
אין אַ וועלט וואָס זינקט אין פלאַמען
און קיינער קען עס ניט פאַרצאַמען.

נאָך אַ פרייד דעם יונגן טאַטן,
און דעם געדויש פון די האַרמאַטן.
נאָך אַ פרייד דעם אַלטן זיידן —
די גראָע יאָרן צו באַקליידן.

אַ עס וועלט זיך טרעפן, האָפן—
אַז איך האָב דעם סוד געטראָפן,
אַז משיח איז געקומען
און וועט מיט רייזן, שיינע בלומען,

די גאַנצע מידע וועלט דערפרייען.
און וועט ברודער־ליבע זען!
דער פרייהייט גלאָק וועט הילכיק קנאַלן
און רשעות, זינד, וועט מוזן פאַלן!

מיין מוטערס לעצטער וואָרט

נאָך קלינגען מיר די לעצטע ווערטער
פון מיין גוטסדיקער מוטער,
די לעצטע ווערטער, דער לעצטער געבעט:—
אידע, אידע, גרשון, הערשל, לייבל, עטל,

קומט אַהער דאָ צו מיין בעטל.
איך וויל אייך יעדן איינעם צום לעצטן מאָל אָנבליקן
און ביידע הענט אויף יעדנס קאָפ צולייגן,
און געבן אייך מיין לעצטע מאַמעס ברכה.

נאָר קיינער, קיינער איז ניט געקומען,
האָט זי דעם סוד אין קבר מיטגענומען.
עס וועט פון איר קבר אויסשפּראָצן אַ בלימל,
און צעשפּרייטן זיך אַ רוף צום בלויען הימל.
דאָס איז איר לעצטער וואונטש
נאָכדעם טוט זיך פאַר אונדז מיען.
זי איז יעדן איינעם מוחל,
אַלעס טוט זי אונדז פאַרגעבן,
דער לעצטער וואונטש צו אונדז איז,
פון לאַנגע יאָר און גוטן לעבן.
שלום האַלטן שטאַרק צוזאַמען,
און קדיש זאָגן נאָך אייער מאַמען.

Night and day, I will pray
To GOD and Heaven above,
That you shall be not far from me
So I may watch you grow.

Every year, you shall appear—
Healthy, beautiful and bright
And you should, be very good,
In every way just right.

We'll be gay and we will play
Games of seek and hide.
And of course, I'll be your horse
And let you on my back to ride.

BAR-MITZWAH BOY*

I am now thirteen years.
I am starting in the spheres,
Of my Bar-Mitzwah* Day.
On this threshold I do say—
I will try with all my might,
To do what is just and right;
To learn more, to understand;
How to be great, how to be grand!

Oh, Father, Mother, hear me pray,
On this threshold of my way.
Thanks for all the care and love
Oh, I pray to GOD above,
To add honor, to add fame
To the well-known Cohn name.

* Confirmation of Jewish youth.
** Dedicated to Steward Cohn.

MY ABE'S WEDDING!

It is not just another day—
That is going in my life astray.

Every one to-day seems happy.
Every one to-day seems gay—
And the sun is shining brighter.
It ism y Abe's Wedding Day!

Night has set, the moon is gazing,
And the stars, they shine so bright,
The sky is clear and blue—amazing!
It is my Abe's Wedding Night.

Oh, my son, my Romeo—
And my daughter Juliet, dear,
Love shall stay and follow you,
Through every hour, every year.

The orchestra is playing snappy
The rythmic dancing is a sight!
Oh, am I rejoiced and happy
It is my Abe's Wedding Night!

TO MY NEW BORN GRANDCHILD

Oh, Little Gale, my nightengale,
Given to me from heaven
On this date, ninteen forty-eight,
January, the eleventh.

Oh, Gale, thy name is holding fame—
Beauty and perpetuation,
Of my Mother, like no other—
You are my admiration!

A QUESTION

From Chicago down through Texas,
I see green meadows prairies wide;—
All the wealth and full abundance,—
Waiting for people to abide.

All the pastures, endless prairies
So green and shiny everywhere.
Through Missouri, Oklahoma,
And Illinois-Texas sphere.

In my heart appears a question—
To heaven and the great divine;—
About a place for homeless Jews,
About the fight for Palestine.

Yes the land is small and tiny—
And full of rocks and full of sand,
They pray and pray for centuries
To return to that promised land.

FRANK

(Based on a true story of the lynching of an innocent white man down in Georgia in 1915)

With a heartful of scars, behind iron bars;
Frank broods, forsaken, in anguish and frown—
On facts of suspicion and adhesion
On charge of MURDER, he never has done!

Frank got the blame, because he looks just the same;
Like the one that shot and murdered their daughter;
It's the cry; he should be punished to die;
It's he! It's he! Cried her father and mother.

Frank does not know, how to prove—disavow—
The accusations, the questions they bored!
Frank lived alone — like a lonely stone
And boarded there, where the crime has occured.

THE VISAS EXPIRED

Visas have expired
Back they have to go
Back, where they came from—
Hitler's Inferno!

Out of a window,
From Congress Hotel
Adella Langer—
Jumped down and she fell;

Her two little boys—
Clutched tight to her breast;
In time of midnight—
To eternal rest.

Jewish refugees,
You know, you understand!
With no place to live—
And nowhere to land,.

Three bodies smothered,
In anguish they lie.
They came here to live,
But sure not to die!

The sun had risen—
Far back down the lake,
Streets of Chicago—
Again are awake.

Conscience and justice,
Bear shame on the face.
Where is the freedom—
Of pilgrims the place?—

I had to leave so I bid them all good-bye and good luck.
THE END

A NIGHT AT UNION PIER

A full moon gazes bright
And Wings down silver light
From a starry sky lucid clear.

The crickets and the lake
All night, they stay awake
And zumm-za—za—at the Union Pier.

Za-za-za-zee-zee-zee
A Zumm of mirth and glee
Fills the air, thru trees, brake and grass.

The grass, leaves and boughs
Prate, clatter and applause
As to a prayer or midnight mass.

OH HEART WHY CAN'T YOU BE QUIET?

O, heart why can't you be quiet.
What do you desire from me?
Why are you aching and gnawing
And rise like the tide of the sea?

You carry the pains and the sorrows
Of my people; that reached to the top.
Now you are sighing and crying
O, shedding my tears I can't stop!

The sighing and crying had stopped.
My tears do not run any more.
Each tear shines in my verse and my song—
For my people, to read and adore.

